**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 7/22/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**גאווערנער האוקול אנאנסירט פארענדיגונג פון 20 מיליאן דאלערדיגע 'דזשאוואניאו' קארפארעיט הויפטקווארטיר און זומער בילדונג הייזקעלעך אין ראקלענד קאונטי**

***לעבנסשפאן סערוויסעס פארזארגער נעמט זיך אונטער צו שאפן 230 נייע דזשאָבס אין מיטל-הודסאן ראיאן***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט געמאלדן די פארענדיגונג פונ'ם 20 מיליאן דאלערדיגן 'דזשאוואניאו' קאמפוס אין ניו סיטי, ראקלענד קאונטי. דער פראיעקט איז באשטאנען פון דער אריבערציאונג פון 'דזשאוואניאו' זומער בילדונג איינריכטונג און קאנסטרוקציע פון א נייע 70,000 סק. פוס איינריכטונג פאר קארפארעיט אפיסעס און א נייע ארבעטסקראפט טרעינירונג צענטער. אלס טייל פון דעם פראיעקט, האט די ארגאניזאציע זיך אונטערגענומען צו שאפן 230 נייע דזשאָבס און אויסהאלטן באלד 700 פול-צייטיגע פאזיציעס. ניו יארק סטעיט שטיצט די פארברייטערונג מיט איבער 3.3 מיליאן דאלער אין עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט קאפיטאל גרענטס, רעקאמענדירט דורך די מיטל-הודסאן ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונגס קאונסיל.

"אויף צענדליגע יארן האט 'דזשאוואניאו' פארזארגט וויכטיגע סערוויסעס אין דעם מיטל-הודסאן ראיאן וואס האט געשאפן מהלכים צו סוקסעס פאר יחידים וועלכע זענען איצט פולקאם גרייט אנטיילצונעמען אין דעם דזשאָב מארקעט," **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** "דער נייער קאמפוס פארברייטערט אויף די סוקסעס און וועט פארזארגן א אויסגעגליכענע ריי סערוויסעס און טרעינירונג פון קינדהייט ביז ערוואקסענקייט וואס וועט נישט נאר גרייט מאכן קוואליפיצירטע ארבעטער פאר דזשאָבס אין דעם ראיאן, נאר עס וועט זיי אויך געבן די מעגליכקייט איבערצוקומען מניעות און בליען."

"דאס פארענדיגן פון 'דזשאוואניאו'ס' קאמפוס אין ניו סיטי איז א גרויסע טריט צו העכערן און פארבעסערן סערוויסעס פאר מענטשן מיט אנטוויקלונג דיסאַביליטיס אין דער הודסאן וואלי," **האט געזאגט ליוטענאנט גאווערנער אנטאניא דעלגאדא.** "די נייע זומער בילדונג איינריכטונג און ארבעטסקראפט טרעינירונג צענטער וועט העלפן האלטן מענטשן אקטיוו דורכאויס דעם זומער און העלפן מער מענטשן מיט אנטוויקלונג דיסאַביליטיס זיך צו גרייטן פאר און געפונען באשעפטיגונג."

**'אימידיעט פעסט' CEO דזשיל עי. ווארנער האט געזאגט,** ""דזשאוואניאו' האט א לאנגע היסטאריע פון ארבעטן אין צוזאמארבעט מיט דער קאמיוניטי און ניו יארק סטעיט רעגירונג אגענטורן. 'עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט' איז געווען א פארמיטלער אין די פינאנצירונג פון דער קאמפוס אנטוויקלונג, און מיר דאנקען זיי. דורך ארבעטן אלע אינאיינעם ענדערן מיר דער וועלט אויף בעסער, איין מענטש אויף א מאל."

**ESD פרעזידענטקע, CEO און קאמיסיאנערין האופ נייט האט געזאגט,** "מיר זענען אנטשלאסן צו שאפן דזשאָבס און געלעגנהייטן פאר אלע ניו יארקער, און 'דזשאוואניאו'ס' נייע קארפארעיט

הויפטקוואַרטיר, אַרבעטסקראַפט טרענירונג און בילדונגס איינריכטונגען וועלן העלפן פאַרזיכערן אַז מיר זענען פאַר ווייטער דאָס צו טאָן. מיר שטאַלצירן זיך צו שטיצן די לעבנסשפּאַן סערוויסעס פאַרזאָרגער אין בויען מער יושר'דיגקייט אין אונזער טאַלאַנט שטראָם, וועלכס וועט אויך אונטערשטיצן די עקאָנאָמיע אין דעם מיטל-הודסאָן ראַיאָן און ווייטער.״

**ניו יאָרק סטעיט אָפיס פאַר מענטשן מיט אַנטוויקלונג דיסאַביליטיס קאָמיסיאָנערין קערי נייפעלד האָט געזאָגט,** ״די לאַנג-ערוואַרטעטע פאַרענדיגונג פון דעם הערליכן קאַמפּוס אויפלעבונג און די פאַרבעסערטע סערוויסעס און שטיצע עס וועט ברענגען צו מענטשן מיט אַנטוויקלונג דיסאַביליטיס פון יעדן עלטער וועלן העלפן פאַרזיכערן זייערע געברויכן וועלן אַצינד נאָכגעקומען ווערן ווייט אַריין אין דעם צוקונפט. איך אַפּלאַדיר גאווערנער האָוקול און ׳עמפּייער סטעיט דעוועלאַפּמענט׳ פאַר׳ן שטיצן דעם אונטערנעמונג צו פאַרברייטערן סערוויסעס און געלעגנהייטן פאַר מענטשן מיט אינטעלעקטועלע און אַנטוויקלונג דיסאַביליטיס.״

דער פּראָיעקט האָט אַריינגענומען דאָס איבעראַרבעטן דעם אָרגאַניזאַציע׳ס 16-עיקערדיגע קאַמפּוס. די באַמיאונג איז באַשטאַנען פון צעוואַרפן און בויען איר נייע זומער בילדינג הייזקעלעך, בויען אַ נייע קאָרפּאָרעיט הויפטקוואַרטיר צו פאַראייניגן IT פונקציעס פון מערערע ערטער און פאַרברייטערן אירע פאַרזאָרגונג סערוויסעס. די אָרגאַניזאַציע׳ס געוועזענע קאַמפּוס איז געוואָרן פאַרעלטערט און נישט גענוג צוגעפּאַסט נאָכצוקומען די פאָדערונגען און ענדערונגען וואָס די העלטקעיר אינדוסטריע האָט היינט אויסצושטיין.

׳דזשאַוואַניאַו׳ איז דער גרעסטער פאַרזאָרגער פון לעבנסשפּאַן סערוויסעס אין דער הודסאָן וואַלי פאַר מענטשן מיט אַנטוויקלונג דיסאַביליטיס, אויפפירונג-געזונטהייט שוועריגקייטן און כראָנישע מעדיצינישע צושטאַנדן. ׳דזשאַוואַניאַו׳ס׳ נייע הויפטקוואַרטיר אַנטהאַלט אַ סערוויס ליפערונג איינריכטונג, צו ערמעגליכן סערוויסעס באַקומער און זייערע פאַמיליעס צו גרינגערהייט באַקומען צוטריט צו די סערוויסעס וואָס זיי נייטיגן אונטער איין דאַך. די הויפטקוואַרטיר איז געאייגנט אויף צו אַקאָמאָדירן די קאָמפּאַני׳ס פּראָפעסיאָנעלע אַרבעטסקראַפט, וואָס פאַרזאָרגט אַפּשאַצונג, אַנצייכענונג, טרענירונג, באַהאַנדלונג און וואוילזיין אַקטיוויטעטן אַרויסצוהעלפן מענטשן מיט ספּעציעלע באַדערפענישן זיך איינצושאַפן באַשעפטיגונג און צו פאַרדינען אין דער קאָמיוניטי און קענען פולקאָם אויסניצן זייערע פּאָטענציעל. די געביידע וועט זיין פולקאָם אויסגעשטאַט מיט אַן אַפּשאַצונג און אַפּצייכענונג אַרט, ספּעציעלע טעלעפאַנס, IT געצייג און די מיטלען נייטיג אויף צו העלפן די וועלכע האָבן פּעלערס אין זען אָדער הערן, האָבן שוועריגקייטן פיזיש אָדער אין אויפפירעכטס, אָדער ראַנגלען זיך מיט לערנען און אַנטוויקלונג אומפעאיגקייטן. אין צוגאָב האָט ׳דזשאַוואַניאַו׳ גע׳אַפּגרעיד׳עט איר גאַנצער IT אינפראַסטרוקטור מיט אינדוסטריע-פירנדע טעכנאָלאָגיע און סערוויסעס צו אַקאָמאָדירן די איצטיגע און צוקונפטיגע שטייגונג פון דער אָרגאַניזאַציע.

פאַזע איינס פון דעם פּראָיעקט — די קאָנסטרוקציע אויף די זומער בילדונג הייזקעלעך — איז פערטיג געוואָרן אין יולי 2018. די דריי הייזקעלעך זענען פאַר קינדער מיט ספּעציעלע באַדערפענישן וועלכע קומען פאַר זעקס-וואָכיגע זומער בילדונג פּראָגראַמס, און אַלע הייזקעלעך זענען אויסגעריכטעט אַלס מולטי צוועקיגע ערטער. פאַזע צוויי פון דעם פּראָיעקט, דער 70,000 סקוועיר פיסיגע איינריכטונג, איז פערטיג געוואָרן אין אָקטאָבער 2020 און די אויסערליכע לענדסקעיפּ פּלאַנצונגען דעם חודש.

**מיטל-הודסאָן ראַיאָנישע עקאָנאָמישע אַנטוויקלונגס קאָונסיל מיט-פאַרזיצער מאַרשאַ גאָרדאָן, פּרעזידענטקע און CEO פון דער ביזנעס קאָונסיל פון וועסטשעסטער, און SUNY אָראַנדזש פּרעזידענטקע דר. קריסטין יונג האָט געזאָגט,** ״׳דזשאַוואַניאַו׳ באַשלוס דאָ צו וואַקסן שפּיגלט אָפּ אַן איבערגעגעבנקייט צו ראָקלענד קאָונטי און צו אונזערע פאַראייניגטע צילן צו מאַכן וואַקסן אָרטיגע

דזשאָבס און גלייכצייטיג אפשאפן מניעות צו דעם ארבעטסקראפט. מיר שטאלצירן זיך אז די ארגאניזאציע רופט דעם מיטל-הודסאן ראיאן איר היים, און מיר קוקן ארויס צו איר אנגייענדע סוקסעס.״

**סטעיט סענאטאר עליידזשע רייכלין-מעלניק האט געזאגט,** ״אויף 75 יאר, האט ׳דזשאוואניאו׳ געבליעט אלס א ראקלענד-באזירטע פארזארגער פון סערוויסעס פאר קינדער און ערוואקסענע מיט אנטוויקלונג דיסאַביליטיס אדער כראנישע מעדיצינישע צושטאנדן. ׳דזשאוואניאו׳ סוקסעס זאגט עדות אויף איר ערשט-ראנקיגע שטאב און אונזער קאמיוניטי׳ס שטיצע פאר איר אויפגאבע. די היינטיגע אויסמעלדונג איבער דאס ערפאלגרייך פערטיגן דעם נייעם ׳דזשאוואניאו׳ הויפטקווארטיר אין ניו סיטי איז א מוסטער פון וויאזוי ניו יארק סטעיט קען ליפערן פאר נאָנפּראָפיטס דורך טון העכסט-נייטיגע ארבעט אין אונזער ראיאן, וועלכס וועט דערנאך טרייבן עקאנאמישע אויפשטייג און געלעגנהייטן.״

**אסעמבלי-מיטגליד קענעט זעבראוווסקי האט געזאגט,** ״׳דזשאוואניאו׳ איז אן אומגעהויער וויכטיגע טייל פון אונזער קאמיוניטי אין ראקלענד קאונטי, און דאס פארענדיגן דעם נייעם קאמפוס וועט פארזיכערן אז זיי קענען זיך פארברייטערן און פארזעצן ווייטער זייער ארבעט. נישט נאר וועט דער פראיעקט ערמעגליכן פאר ׳דזשאוואניאו׳ צו פארברייטערן סערוויסעס נאר עס וועט אויך שאפן און אפהיטן הונדערטער דזשאָבס לענגאויס דער הודסאן וואלי. איך בין שטאלץ ווייטער צו שתדל׳ען פאר נאך פינאנצירונג פאר ׳דזשאוואניאו׳ און איך דאנק גאווערנער האוקול פאר איר שטיצע פאר דעם פראיעקט.״

**אסעמבלי-מיטגליד מייק לאולער האט געזאגט,** ״איך בין באגייסטערט צו זען דאס פערטיגן ׳דזשאוואניאו׳ס׳ 20 מיליאן דאלערדיגע טראנספארמאציע, פונקט אין צייט אויף צו פייערן איר 75׳סטע יארטאג. ׳דזשאוואניאו׳ איז א פאנטאסטישע ארגאניזאציע, וועלכע, אינאיינעם מיט אנדערע נאָנפּראָפּיט ארגאניזאציעס, פארזארגט אויסטערלישע סערוויסעס צו מענטשן מיט אינטעלעקטועלע און אנטוויקלונג דיסאביליטיס און זייערע פאמיליעס פון ראקלענד און לענגאויס דעם ראיאן. ארבעטנדיג אינאיינעם, שטאלציר איך מיך פון די העכערע אינוועסטירונג וואס מיר האבן געמאכט אין דעם היי-יעריגן בודזשעט צו שטיצן דעם I/DD קאמיוניטי, און די וועלכע ארבעטן אומערמידליך צו פארזארגן די קריטיש-וויכטיגע סערוויסעס און אויפפאסונג צו אונזער מערסט באדערפטיגע טיילן פון דער באפעלקערונג.״

**ראקלענד קאונטי עקזעקיוטיוו עד דעי האט געזאגט,** ״דאס איז אומגלויבליכע נייעס פאר ׳דזשאוואניאו׳, אן ארגאניזאציע וואס גייט שטענדיג לפנים משורת הדין אויף צו העלפן מענטשן מיט דיסאַביליטיס. איך האף אז דער נייער איינריכטונג ערמעגליכט פאר ׳דזשאוואניאו׳ ווייטער איבערצולאזן א טיפע צייכן אויף אונזער קאמיוניטי.״

**קלארקסטאון טאון סופערוויייזער דזשארדזש האעהמאן האט געזאגט,** ״׳דזשאוואניאו׳ ארבעט פון זיך פארשטעלן פונדאסניי און אויפלעבן דעם פראיעקט איז פיליכט געווען איינע פון די וויכטיגסטע פראיעקטן אין אונזער טאון אין מיין צייט אלס סופערוויייזער. די נייע דזשאָבס און געלעגנהייטן פאר פארבעסערטע סערוויסעס מאכט אויס אויף א ריזיגן אופן פאר אומצאליגע מענטשן. האבנדיג פארברענגט היפש איבער 20 יאר צו ארבעטן אין דעם געביט פון דיסאַביליטיס בעפאר׳ן ווערן סופערוויייזער, וואלט איך נישט געקענט זיין שטאלצער פון דעם פראיעקט און וואס עס באדייט פאר אונזער טאון און מענטשן מיט דיסאַביליטיס. א ריזיגע גוטע דזשאָב איז געטאן געווארן דורך יעדן און א ספעציעלע דאנק קומט זיך פאר דער גאווערנער און דער ראיאנישע קאונסיל פאר׳ן זען די איינפאכע ווערד וואס דער פראיעקט האט געברענגט צו דער גאנצער קאמיוניטי.״

׳דזשאוואניאו׳ איז א רעגיסטרירטע 501C3 ארגאניזאציע וואס איז ארגאניזירט געווארן אין 1947 אלס דער סערעבראַל פּאַלסי געזעלשאפט פון ראקלענד קאונטי, פרעמיערע פארזארגער פון לעבנסשפאן סערוויסעס אין דער הודסאן וואלי וואס פארזארגט אָטפּעישענט באהאנדלונג פאר מענטשן מיט אנטוויקלונג דיסאַביליטיס, אויפפירונג-געזונטהייט שוועריגקייטן און כראנישע מעדיצינישע צושטאנדן. אין

1949, האט די קאמפאני געגרונדעט די ערשטע זומער קעמפ פראגראם פאר קינדער מיט דיסאַביליטיס אין ראקלענד קאונטי. צוויי יאר דערנאך איז עס פארברייטערט געווארן אויף אריינצונעמען אן איבערנאכטיגע פראגראם וואס רופט זיך "קעמפ 'דזשאוואניאו'". דער 50 מיליאן דאלערדיגע נאָנפראָפיט, מיט לאקאציעס אין סיי ראקלענד און סיי וועסטשעסטער קאונטיס, האט פארגעזעצט ווייטער צו פארברייטערן אירע פראגראמען. היינט, רעכענען סערוויסעס אריין פריצייטיגע אינטערווענץ, ספעציעלע עדיוקעשען פרי-סקול, אפרו פאר קינדער אין סקול עלטער און זומער בילדונג. 'דזשאוואניאו' סערוויסעס פאר ערוואקסענע רעכענען אריין קאמיוניטי וואוינונג בייטאג-צופאסונג אויפפירונג-געזונטהייט פארוואלטונג, באשעפטיגונג און פאכמאנישקייט סערוויסעס. אין צוגאב אפערירט 'דזשאוואניאו' א 6 מיליאן דאלערדיגע קאמערציעלע רייניגונג אפטיילונג מיט איבער 100 ארבעטער מיט קאנטראקטן אין סיי ראקלענד און סיי וועסטשעסטער קאונטיס.

**איבער "עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט"**
עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט (ESD) איז ניו יארק'ס הויפט עקאנאמישע אנטוויקלונג אגענטור ([www.esd.ny.gov](http://www.esd.ny.gov)). דער מיסיע פון ESD איז צו שטיצן און אונטערהייבן אן אויפגעלעבטע און וואקסנדער עקאנאמיע, דערמוטיגן דאס שאפן פון נייע דזשאבס און עקאנאמישע געלעגנהייטן, העכערן איינקונפט פאר'ן סטעיט און אירע מוניציפאליטעטן, און דערגרייכן סטאבילע און אויסגעברייטערטע ארטיגע עקאנאמיעס. דורך ניצן לאָונס, גרענטס, טעקס קרעדיטס און אנדערע סארטן פינאנציעלע הילף, שטרעבט ESD צו פארבעסערן פריוואטע ביזנעס אינוועסטירונג און וואוקס צו טרייבן דזשאב שאפן און שטיצן בליענדע קאמיוניטיס לענגאויס ניו יארק סטעיט. ESD איז אויך דער הויפט אדמיניסטראטיווע אגענטור וואס טוט אויפזען איבער די ניו יארק סטעיט ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסילס און די מארקעטינג פון "איי לאָוו ניו יארק", דער סטעיט'ס איקאנישער טוריזם ברענד. פאר מער אינפארמאציע אויף ראיאנישע קאונסילס און "עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט", באזוכט [www.regionalcouncils.ny.gov](http://www.regionalcouncils.ny.gov) און [www.esd.ny.gov](http://www.esd.ny.gov).

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](http://www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov](mailto:press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418